בעזרת השם יתברך

# פרק סא-סב

## אמור

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די עבירה פון עסן פאַר תפילת שחרית, איז ווי עבודה זרה ח״ו. - איינע פון די ערשטע וועגן פון תשובה, איז זיך אפּצושטעלן אינמיטן עסן אַ געשמאַקן מאכל. - נישט צו עסן און טרינקען אין אָוונט פאַר׳ן גיין שלאָפן. - דער גרויסער פּגם פון רעדן לשון הרע און ניבול פה, און פון רעדן אַנדערש ווי מען טראַכט. - נישטאָ קיין צופאַל אויף דער וועלט, און אַ מעשה דערויף פון זוהר.

די פליכט פון דעם מענטש צו מוסרין זיין חבר ווען ער זעהט ביי אים אַן עבירה, און די שטראָף פאַר נישט מוכיח זיין. - אַ מעשה פון זוהר. - דער שכר פאַר מזכה זיין אַן אַנדערן מיט אַ מצוה, און אַ ראיה דערויף פון זוהר. - דער איסור צו חנפיענען די רשעים, און זיי נישט צו געבן חיזוק. - די רבנים פון יעדער שטאָט זענען מחוייב מוכיח צו זיין די מענטשן פון זייער שטאָט, און דער גרויסער שכר וואָס מען באַקומט דערפאַר.

# אינהאלט

## פון פרקים ס״א - ס״ב


**א.** אין פרק ס״א ווערט ערקלערט: אַז מען טאָר נישט עסן פאַרן דאַווענען שחרית, ווייל עס איז גלייך ווי ער דינט עבודה-זרה.................................ה

**ב.** געוועלטיגט אויפן נפש אין בלוט, ווען די נשמה איז נאָך נישט ביי אייך...................................ה

**ג.** יוסף הצדיק, וואָס האָט זיך דער־ווייטערט פון יעדער איבעריגע הנאה, האָט זוכה געווען, מ׳זאָל אים באַהאַלטן אין אַ ארון ווי געהעריג.........................ו

**ד.** דער יסוד פון תשובה איז - צוריקציען זיך פון פיל עסן און טרינקען. נישט פיל עסן און טרינקען פאַרן שלאָף.................ז

**ה.** ווען דיין גלוסט און געשמאַק צו עסן און טרינקען איז שטאַרק - דעמאָלטס האַלט זיך צוריק.................ז

**ו.** וואויל צו די נשמה וואָס קומט ריין אָן אַ פגם און פירט זיך אויף הייליג..................................ח

**ז.** לשון הרע ניבול פה זענען גורם אַז מלאכי השרת זאָלן אים מחרים און מנדה זיין ביז ער וועט תשובה טאָן.................ח

**ח.** השם יתברך גיט אַכטונג אויף יעדן פרט און עס איז נישטאָ קיין צופאַל..................................ח

**ט.** וואָס עס טרעפט זיך מיטן מענטשן טרעפט זיך מיט דער בהמה...........................................ט

**י.** די וואָס טראַכטן אַז זיי זענען העכער פון אַנדערע מענטשן זענען גלייך ווי בהמות..................................י

**יא.** נאַריש איז דער מענטש וואָס טראַכט ס׳איז נישטאָ קיין באַלוינונג און שטראָף - מ׳קען טאָן וואָס מ׳וויל...............יא

**יב.** דער עיקר אויפגאַבע פון מענטש ער זאָל מורא האָבן פאַר השם-יתברך..........................................יב

**יג.** אין פרק ס״ב ווערט ערקלערט: די פליכט אויפן מענטשן מוכיח צו זיין דעם צווייטן, ווען ער זעט אַז ער טוט אַ זינד, און ווי אַזוי דאַרף מען מוכיח זיין? ........ יג

**יד.** תוכחה דאַרף זיין אין אַן אויפן, אַז דער זינדיגער זאָל זיך כאַפּן אויף דעם, אָבער נישט דירעקט ........ יג

**טו.** אויב דורך דער פאַרשעמונג וועט דער זינדיגער תשובה טאָן, מעג מען אַזוי טאָן ........ יד

**טז.** תוכחה מיינט: פאַרעכטן, אָבער נישט קאַלייע מאַכן בשעת דעם פאַרעכטן ........ יד

**יז.** אפילו ווען די ברענגס נאָר דיין חבר נאָר צו איין מצוה, איז דיין שכר זייער גרויס ........ יד

**יח.** אַ דערציילונג אין זוהר וועגן מוכיח זיין ........ טו

**יט.** דער וואָס שטראָפט זיין חבר פאַר ליבשאַפט טוט דאָס באַהאַלטענערהייט ........ טו

**כ.** געוויס זענט איר פון דער חבריא פון ר׳ שמעון בר יוחאי, וואָס שרעקען זיך נאָר פאַר השם-יתברך ........ טז

**כא.** אַ צדיק וואָס איז נישט מוכיח די מענטשען וואָס זענען אַרום אים, ווערט ער אַליין באַשטראָפט ........ טז

**כב.** זיך פאַרלאָזן אויף השם יתברך און זיך נישט שרעקן פאַר די רשעים ........ יז

**כג.** די מצוה פון מוסר זאָגן ליגט אויף די רבנים ........ יח

❖ ❖ ❖

# פרק ס״א

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז מען טאָר נישט עסן פאַרן דאַווענען שחרית, ווייל עס איז גלייך ווי ער דינט עבודה-זרה.

**א. כתיב,** עס שטייט אין דער תורה (ויקרא י״ט כ״ו): ״לֹא תֹאכְלוּ עַל הַדָּם לֹא תְנַחֲשׁוּ וְלֹא תְעוֹנֵנוּ״ - איר זאָלט נישט עסן אויף דעם בלוט, איר זאָלט נישט... און איר זאָלט נישט... דער זוהר אין פרשת ויקהל (דף רט״ו עמוד ב׳) ערקלערט דעם ענין, ווי עס איז באַוואוסט אַז דער שלאָף פון דעם מענטשן איז איין זעכציגסט חלק פונעם טויט, ווייל ווען דער מענטש שלאָפט גייט די נשמה אַרויס פון אים און עס בלייבט איבער נישט מער ווי דער נפש, וועלכער ווערט באַלעבט פון דעם רביעית בלוט וואָס געפינט זיך אין האַרץ, דעריבער ווערט די סטרא-אחרא פאַרשפרייט אינעם גוף און רוהט אין אים, און ספּעציעל ביינאַכט וואָס איז די צייט ווען די חיצונים געוועלטיגן, און אַפילו אויב ער שטייט אויף ביינאַכט און לערנט תורה, פונדעסטוועגן באַזעצט זיך נישט די נשמה אַזוי פיל ביז נאָך דער צייט פון דאַווענען און דעמאָלטס איז די נשמה גרייט זיך אומצוקערן אין גוף.

## געוועלטיגט אויפן נפש אין בלוט, ווען די נשמה איז נאָך נישט ביי אייך...

**ב. וידוע,** און עס איז באַוואוסט, אַז די געוועלטיגונג פון דער נשמה איז מצד די קדושה און די געוועלטיגונג פונעם גוף און נפש איז אונטער די אויפפאַסונג פונעם נחש, דאַן איז דאָס עסן און טרינקען ממש ווי ער וואָלט מקריב געווען אַ קרבן צום נחש, און דאָס איז וואָס עס שטייט ״לֹא תֹאכְלוּ עַל הַדָּם״ - איר זאָלט נישט עסן פאַרן דאַווענען צו מאַכן געוועלטיגן דעם נפש וואָס אין די בלוט ווען די נשמה איז נאָך נישט ביי דעם מענטשן. און דעריבער שטייט ״לֹא

תְּנַחֲשׁוּ״ - איר זאָלט נישט געבן אַן אָרט פאַר דעם נחש הקדמוני, און דער זוהר איז מפרש, אַז דער וואָס עסט אָדער טרינקט פאַר׳ן דאַווענען, כאָטש עס איז נאָך פאַרטאָגס, איז עס גלייך ווי ער וואָלט געדינט עבודה-זרה ווי אויבן דערמאַנט.

## יוסף הצדיק, וואָס האָט זיך דערוויטערט פון יעדער איבעריגע הנאה, האָט זוכה געווען, מ׳זאָל אים באַהאַלטן אין אַ ארון ווי געהעריג.

**ג. והנה,** איך האָב געזען מענטשן אין אונזערע מדינות וועלכע זענען זייער להוט אָנצופילן זייער האַלדז, און באַלד ווען זיי שטייען אויף פון שלאָף עטלעכע שעה בהשכמה, נאָך איידער עס ווערט ליכטיג, דאַכט זיך זיי אַז אויב זיי וועלן נישט באַלד נעמען אַ טרונק בראָנפן וועלן זיי שטאַרבן, און דאָס ווערט ביי זיי גלייך ווי מען וואָלט געמעגט נאָכגיין נאָך זייער שלעכטע תאווה פון דער האַרץ, און צומאָל טרינקען זיי זיך גוט אָן אַזוי, אַז ווען עס קומט צום דאַוונען שחרית קענען זיי נישט דאַוונען ווי געהעריג, און דאָס איז אַ גרויסע זינד וואָס אַ צאָל מענטשן ווערן געשטרויכלט אין דעם. און דו זאָלסט וויסן זיין אַז אויב דער מענטש לויפט נאָך די תאוות פון זיין האַרץ אויף דער וועלט און דורך דעם דינט ער נישט השם יתברך, דאַן ווערט ער פאַרכאַפּט אין אַ שלעכטע פּאַסקע און ער איז נישט זוכה צו נקבר ווערן אין אַן ארון ווי געהעריג. זע אין זוהר (חלק ב׳, דף רי״ד עמוד ב׳), וואָס ער שרייבט דאָרטן אויספירלעך וועגן דעם סוד פון יוסף הצדיק וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף זיין ברית, שטייט טאַקע ביי אים ״וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם״ - מען האָט אים אַריינגעלייגט אין אַן ארון אין מצרים. ווייל דער וועלכער גיט נאָך זיין האַרץ און פירט אויס זיינע תאוות, דער ווערט נכשל אין דער זינד פון זען קרי.

## דער יסוד פון תשובה איז - צוריקציען זיך פון פיל עסן און טרינקען. נישט פיל עסן און טרינקען פאַרן שלאָף

**ד. על כן,** דעריבער, דער וואָס האָט מורא פאַר השם יתברך, זאָל נעמען אויף זיך נישט צו עסן און אַפילו נישט פאַרזוכן קיין זאַך אײדער ער דאַוונט שחרית און ביים דאַוונען זאָל ער דערמאַנען מיט אַ געוויין און געבעט פאַר השם יתברך ער זאָל אים מזכה זיין, אַז מיט ווייניג עסן און טרינקען זאָל ער זאַט ווערן און נישט דאַרפן פיל עסן און טרינקען. ספּעציעל אונז, וואָס מיר זענען יתומים פון יתומים, עס איז נישטאָ קיין מענטש וואָס זאָל טאָן גוטס און נישט זינדיגן, דעריבער מוזן מיר אָנקומען צו תשובה און דאָס איז די ערשטע זאַך.

## ווען דיין גלוסט און געשמאַק צו עסן און טרינקען איז שטאַרק - דעמאָלטס האַלט זיך צוריק.

**דער** ערשטער גדר פון תשובה איז, ווען דיין גלוסט און געשמאַק צו עסן און טרינקען איז זייער שטאַרק, דעמאָלטס זאָלסטו זיך צוריקהאַלטן, ווי עס ווערט ערקלערט אין די ספרי מוסר פון קדמונים (״בעלי הנפש״ להראב״ד, שער הקדושה. ״יסוד התשובה״ לרבינו יונה), ספּעציעל אין דעם הייליגן ספר רבינו ישעיהו סג״ל ז״ל (של״ה שער האותיות, ערך קדושה, עניני השלחן סוף עמוד ב׳). און כל-שכן דער מענטש זאָל נישט מבטל זיין די עבודה פון השם יתברך דורך פיל עסן און טרינקען ביינאַכט פאַרן שלאָף, וואָס דאַן איז די צייט איבערצוגעבן זיין נפש און נשמה צו השם יתברך ריינערהייט. דער מענטש זאָל גוט אַריינטראַכטן אין דעם וואָס ער האָט געטאָן, צי ער האָט נישט פּוגם געווען אין דעם פריערדיגן טאָג, און אויב ער ווייסט אַז ער האָט געזינדיגט זאָל ער געדענקען צו פאַרעכטן דאָס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט.

## וואיל צו די נשמה וואָס קומט ריין אָן אַ פגם און פירט זיך אויף הייליג

**ה. וכל זה,** דאָס אויבנדערמאַנטע איז גערעדט, ווען דער מענטש איז אין אַ צושטאַנד וואָס ער קען זיך דערלויבן טראַכטן וועגן דעם. אויב אָבער דער מענטש עסט און טרינקט אַזוי פיל אַז דער בויך איז איבערגעפילט און ממילא איז דער שכל ביי אים צוטומלט פון פיל עסן און טרינקען, ווי איז עס מעגלעך פאַר אים צו טראַכטן וועגן תורה און יראת השם, און באַלד ווען ער ווערט שיכור פאַלט ער אויפן בעט ווי אַ בהמה און ווי קען די נשמה אַרויפגיין פאַרן כסא הכבוד אָנצונעמען שפע ווי די איבעריגע ריינע נשמות. עס שטייט אין זוהר פרשת לך לך (דף פ"ג עמוד א') אַז רבי שמעון בר יוחאי האָט מאריך געווען אויף דעם פסוק (ישעיה כו, ט) "נַפְשִׁי אִוִּיתִיךָ בַּלַּיְלָה אַף רוּחִי בְקִרְבִּי אֲשַׁחֲרֶךָּ": קום און זעה ווען דער מענטש לייגט זיך אויף זיין בעט גייט די נשמה אַרויס פון אים, און איז מסיים די כוונה פון זוהר, אַז וואויל צו די נשמה וואָס קומט ריין אָן קיין שום פגם און זינד און פירט זיך אויף הייליג, דאַן איז די נשמה זוכה זיך צו דער וואַרעמען אין די ליכט פון השם יתברך.

## לשון הרע ניבול פה זענען גורם אַז מלאַכי השרת זאָלן אים מחרים און מנדה זיין ביז ער וועט תשובה טאָן

**און** אַזוי ווי טאָן עבירות האַלט אָפּ די נשמה פון אַרויפצוגיין צו קדושה, אַזוי אויך דאָס רעדן לשון הרע און ניבול פה איז פוגם אַז פערציג מלאכי השרת לייגן אים אין חרם, און מען איז אים מנדה ביז דער מענטש וועט חרטה האָבן און תשובה טאָן.

## השם יתברך גיט אַכטונג אויף יעדן פרט און עס איז נישטאָ קיין צופאַל

**ו. וכן,** אַזוי אויך דער וואָס רעדט מיטן חבר איין זאַך און טראַכט אַנדערש, און דער חבר פאַרלאָזט זיך אויף אים ווייל ער ווייסט

נישט אַז ער טראַכט אַנדערש פון דעם וואָס ער רעדט. עס שטייט אין זוהר פרשת נשא (דף קכ"א עמוד ב') דער דיבור פון שקר וואָס דער מענטש רעדט אַרויס, גייט אַרויף און שפּאַלט הימלען, און שטייט ביז עס ווערט נאַכט, און זיין נשמה גייט אַרויף און האַלט דעם דיבור איםאַריינגעמען פאַרן כסא הכבוד. דאָס איז וואָס עס שטייט (מיכה ז, ה): "מִשֹּׁכֶבֶת חֵיקֶךָ שְׁמֹר פִּתְחֵי פִיךָ". און דאַן ווערט פאַרשריבן דער דיבור און די זינד פון דעם מענטשן. דעריבער איז וואויל צו דעם מענטשן וואָס פירט זיך ערלעך. און אויב דער מענטש וועט ביי זיך טראַכטן, עס זענען דאָך דאָ פיל מענטשן וואָס פירן זיך נישט ערלעך, און זייער מויל שטימט קיין מאָל נישט מיט זייער האַרץ, און זיי נאַרן אָפּ מענטשן מיט זייער רעדן - און זיי פאַרדינען דורך דעם?! זאָלסטו וויסן, אַז זייער שטראָף איז גרויס, און צום סוף וועלן זיי זיין אומרואיג אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, ווייל דאָס איז דער וועג פון מינים און ליידיקגייער. ווייל השם יתברך גיט אַליין אַכטונג אויף יעדן דיבור, סיי צום שלעכטן און סיי צום גוטן.

## וואָס עס טרעפט זיך מיטן מענטשן טרעפט זיך מיט דער בהמה...

**ז. ואיתא,** און עס שטייט אין זוהר פרשת שלח (דף קנ"ז עמוד א'):

רבי חזקי' און רבי ייסא זענען געגאַנגען אין וועג. האָט רבי ייסא געזאָגט צו רבי חזקי': איך זע אַז דו טראַכסט אין תורה. האָט ער אים געענטפערט: איך טראַכט אין דעם פסוק וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט: "כִּי מִקְרֶה בְנֵי הָאָדָם וּמִקְרֶה הַבְּהֵמָה, מִקְרֶה אֶחָד לָהֶם, כְּמוֹת זֶה כֵּן מוֹת זֶה, וְרוּחַ אֶחָד לַכֹּל, וּמוֹתַר הָאָדָם מִן הַבְּהֵמָה אָיִן, כִּי הַכֹּל הָבֶל". - וואָס עס טרעפט זיך מיט דעם מענטשן טרעפט זיך מיט דער בהמה, דער שטאַרבט פונקט ווי דער, ביידע האָבן דעם זעלבן רוח, און דער מענטש איז נישט בעסער ווי די בהמה, ווייל אַלץ איז נאַרישקייט. פון דאָ קענען חס-וחלילה, די רשעים, וועלכע פירן זיך

נישט ערלעך זען, אַז עס איז נישטאָ קיין שכר ועונש. האָט ער אים געענטפערט: זיכער דאַרף מען אין דעם אַריינטראַכטן.

## די וואָס טראַכטן אַז זיי זענען העכער פון אַנדערע מענטשן זענען גלייך ווי בהמות

**ח. אדהכו,** דערווייל האָבן זיי געזען אַ מענטש וואָס איז געקומען און געבעטן וואַסער, האָט רבי ייסא אַרויסגענומען אַ קריגל פול מיט וואַסער און האָט אים געגעבן צו טרינקען. נאָכן טרינקען זענען זיי אַרויף אויף אַ באַרג און האָבן דאָרט געפונען אַ ברונעם מיט אַ דינעם שטראָם וואַסער, האָט זיי דער מענטש געזאָגט: יעצט פרעגט ביי מיר דברי תורה און איך וועל עס געבן צו פאַרשטיין. האָבן זיי ביי אים געפרעגט וואָס עס שטייט אין פסוק (קהלת ג, יט): "כִּי מִקְרֶה בְנֵי הָאָדָם וּמִקְרֶה הַבְּהֵמָה, מִקְרֶה אֶחָד לְכֻלָּם". האָט ער זיי געענטפערט: האָט דען שלמה המלך געזאָגט דעם פסוק פון זיך אַליין?! ער האָט איבערגע'חזר'ט דאָס וואָס די שוטים פון דער וועלט זאָגן, און עס גייט אַרויף אויף דעם וואָס שטייט פריער (קהלת יח-יט): "אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי עַל דִּבְרַת בְּנֵי הָאָדָם לְבָרָם הָאֱלֹהִים וְלִרְאוֹת שְׁהֶם בְּהֵמָה הֵמָּה לָהֶם, כִּי מִקְרֶה אֶחָד וגו'", און אַזוי איז דער פשט: שלמה האָט געזאָגט אויף זיך "אָמַרְתִּי אֲנִי בְּלִבִּי" - איך זאָל אַריינטראַכטן אין איין זאַך, און דאָס איז: "עַל דִּבְרַת בְּנֵי הָאָדָם לְבָרָם הָאֱלֹהִים" - עס זענען דאָ כתות פון רשעים וועלכע האַלטן זיך גרויס און זאָגן, מיר זענען קלוג און עס איז נישט ווערד פאַר אונז זיך צו האַלטן נאָענט צו אַנדערע מענטשן, ווייל השם יתברך האָט אונז באַשאַפן מיר זאָלן זיין באַזונדער, און נישט זיין נאָענט צו מענטשן, און זיי האַלטן זיך גרעסער ווי אַנדערע מענטשן. און איך האָב זיך אין דעם אַריינגעטראַכט און איך האָב זיי אויפגעוויזן אַז זיי זענען גערעכט. זיי דאַרפן זיין אַליין, און זיך נישט חבר'ן מיט די יראים און חרדים, נאָר מיט מענטשן וואָס לויפן נאָך עולם הזה זאַכן און טראַכטן איבערהויפּט נישט וועגן עולם הבא, און זיי זענען גלייך ווי בהמות.

**נאריש איז דער מענטש וואס טראכט ס'איז נישטא קיין באלוינונג און שטראף - מ'קען טאן וואס מ'וויל...**

**ט. וזה,** און דאס איז וואס עס שטייט: "וְלִרְאוֹת שְׁהֶם בְּהֵמָה הֵמָּה לָהֶם", פאר זיך, די רשעים פאר זיך אליין, און זיך נישט חבר'ן מיט די כשר'ע מענטשן די יראים, און וואס איז די רייד פון די רשעים? זיי ווילן אויפטאן א זאך וואס איז שקר וואס זיי האבן אויסגעטראכט, און זיי זאגן: "כִּי מִקְרֶה אֶחָד לָאָדָם וּמִקְרֶה אֶחָד לַבְּהֵמָה וגו'", דעריבער קען יעדער מענטש טאן וואס ער גלוסט, ווייל עס איז נישטא קיין באלוינונג פאר די צדיקים און נישט קיין שטראף פאר די רשעים, נישטא קיין דין און נישט קיין דיין. עס זאל ... תפח... דער רוח פון נישט גלויביגע, אוי צו זיי און צו זייער נפש, און אויף דעם האט שלמה געזאגט (שם כא): "וּמִי יוֹדֵעַ רוּחַ בְּנֵי הָאָדָם הָעוֹלָה הִיא לְמָעְלָה, וְרוּחַ הַבְּהֵמָה - פון די רשעים, די זינדיגע וואס זענען געגליכן צו א בהמה - הַיֹּרֶדֶת הִיא לְמַטָּה לָאָרֶץ", זיי נידערן אראפ צו דעם ארט וואו עס גייט ארויס זייער רוח, ווי עס שטייט אין תהלים (לה, ה): "יִהְיוּ כְּמֹץ לִפְנֵי רוּחַ וּמַלְאַךְ ה' דּוֹחֶה". ר' חזקי' און ר' ייסא האבן אים געקושט און געזאגט, אזוי פיל איז פארהאן ביי דיר און מיר האבן נישט געוואוסט, וואויל איז די שעה וואס מיר האבן דיר געטראפן.

**י. אמרו,** האבן זיי צו אים געזאגט, מיר ווילן דו זאלסט גיין מיט אונז. האט ער צו זיי געזאגט, אויב איך וועל אזוי טאן וועט די תורה מיך אנרופן נאר און איך וועל נאך זיין חייב מיתה. האבן זיי ביי אים געפרעגט, פארוואס? האט ער זיי געענטפערט, ווייל איך בין א שליח וואס איז געשיקט געווארן מיט א שליחות און שלמה המלך ע"ה האט דאך געזאגט (משלי כו, ו): "מְקַצֶּה רַגְלַיִם חָמָס שֹׁתֶה, שֹׁלֵחַ דְּבָרִים בְּיַד כְּסִיל". דער וואס שיקט רייד דורך א נאר, וואס ווייסט נישט ווי אזוי איבערצוגעבן פינקטלעך די רייד פון דעם וואס האט אים געשיקט, איז דער משלח זיך גורם: א) דאס ער וועט דארפן שיקן אנדערע שליחים, אדער אליין גיין, פארעכטן וואס זיין שליח האט קאליע

געמאכט. ב) ער וועט אויך דאַרפן אַראָפּשלינגען דעם צאָרן און שטראָף-רייד פון זיין חבר, ווייל ער מיינט, אַז דער שליח האָט יאָ איבערגעגעבן פּינקטלעך די ווערטער פון משלח. די מרגלים, צוליב דעם וואָס זיי זענען נישט געווען קיין פאַרלעסליכע מענטשן און ערלעכע שליחים, זענען זיי נתחייב געוואָרן מיתה אויף דער וועלט און האָבן נישט קיין חלק עולם-הבא אויף יענער וועלט.

## דער עיקר אויפגאַבע פון מענטש ער זאָל מורא האָבן פאַר השם-יתברך

**יא. נשיק,** האָט דער מענטש זיי געקושט און איז אַוועק און אויך רבי ייסי און רבי חזקי׳ זענען אַוועק. גייענדיק האָבן זיי אָנגעטראָפן מענטשן פון דער זעלבער שטאָט ווי יענער. האָבן זיי געפרעגט ביי די מענטשן וואָס איז דער נאָמען פון יענעם מענטש, האָבן זיי געזאָגט אַז זיין נאָמען איז ר׳ חגי, און ער איז איינער פון די חכמים פון דער שטאָט, און די חכמים האָבן אים געשיקט צו הערן תורה פון רבי שמעון בן יוחאי, האָבן זיי געזאָגט וואויל איז אים און וואויל איז צו זיינע חברים וואָס זיי האָבן אים געשיקט, ווייל ער איז אַ באַגלייבטער שליח. פון דעם לערנט מען אָפּ, אַז דער מענטש זאָל זען מיט די אויגן פון שכל אַז סוף-כל-סוף דאַרף ער מורא האָבן פאַר דער שטראָף, און שטענדיג געדענקען דעם פסוק וואָס שלמה המלך עליו השלום האָט אויסגעלאָזט אין סוף קהלת: ״סוף דבר הכל נשמע את האלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם״ - דער סוף פון אַלע זאַכן איז נאָר דו זאָלסט מורא האָבן פאַר השם יתברך וואָרום נאָר צוליב דעם איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן, און עס זאָל זיין דער ווילן פון השם יתברך אַז די דאָזיגע רייד זאָלן זיין פאַרקניפּט און גע׳חתמ׳ט אויף אונזער האַרץ און דעמאָלטס וועט אונז זיין גוט אויף אייביג.

❖ ❖ ❖

# פרק ס״ב

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די פליכט אויפן מענטשן מוכיח צו זיין דעם צווייטן, ווען ער זעט אַז ער טוט אַ זינד, און ווי אַזוי דאַרף מען מוכיח זיין?

**א. אחד,** איינס פון די וועגן פון יראה איז אַז מען זאָל נישט פּרואוון געפעלן ווערן דעם רשע. ווען איינער זעט ווי אַ מענטש טוט אַן עבירה איז ער מחויב אים מוכיח צו זיין און זאָגן: **ברודער**, עס איז נישט שיין וואָס דו טוסט, דו דאַרפסט וויסן אַז די אויגן פון השם יתברך דערגרייכן אומעטום, און וואָס וועסטו טאָן אויב דו וועסט מאָרגן מוזן אָפּגעבן אַ חשבון אויף דער עבירה. דאָס איז אַ גרויסע פליכט אויפן מענטשן וועלכער ווייסט אַזוי ווי מוכיח צו זיין. ער זאָל זיין געוואָרנט נישט מוכיח זיין אין דער עפנטלעכקייט נאָר באַהאַלטענערהייט, און אויף דעם שטייט (ויקרא יט, יז): ״הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ״, פריער ״הוֹכֵחַ״ - באַהאַלטענערהייט, און אויב עס העלפט נישט, זאָל זיין ״תּוֹכִיחַ״ - לשון נוכח, גראָד צו יענעם, אָבער נישט פאַר אַלעמען, בכדי אים נישט צו פאַרשעמען.

## תוכחה דאַרף זיין אין אַן אויפן, אַז דער זינדיגער זאָל זיך כאַפּן אויף דעם, אָבער נישט דירעקט

**ב. רק,** נאָר דער חילוק איז, אַז דעם ערשטן מאָל זאָל ער יענעם נישט מוכיח זיין דירעקט, נאָר ער זאָל יענעם אויפקלערן די האַרבקייט פון דער זינד, אויף אַזאַ אויפן, אַז ער זאָל זיך כאַפּן אַז מען מיינט אים. דהיינו: אַז דער וועלכער טוט אַזוי איז פוגם זיין נשמה. און זיין שטראָף איז אַזוי און אַזוי, כדי אַז דער וואָס האָט געזינדיקט מיט דער זינד זאָל טראַכטן ביי זיך, אַז ער האָט טאַקע אַזוי געזינדיקט, און אפשר וועט ער תשובה טאָן. און אויב דו זעסט אַז עס העלפט נישט, יענער לייגט נישט קיין אַכט אויף דיינע ווערטער, דאַן זאָלסטו אים

מוכיח זיין דירעקט און זאָגן, פאַרוואָס האָסטו אַזוי געטאָן ווידערצושפעניגן קעגן השם יתברך.

## אויב דורך דער פאַרשעמונג וועט דער זינדיגער תשובה טאָן, מעג מען אַזוי טאָן

**ג. ואם,** און אויב יענער לייגט נאָך אַלץ נישט קיין אַכט זיך אומצוקערן פון זיינע שלעכטע וועגן. אויב ער ווייסט אַז דורך מוכיח זיין יענעם ברבים וועט יענער פאַרשעמט ווערן און וועט מער נישט זינדיקן, מעג ער יענעם מוכיח זיין ביז יענער וועט תשובה טאָן און אָפּלאָזן די זינד און השם יתברך וועט עס נישט רעכענען פאַר קיין זינד צו דעם מוכיח.

## תוכחה מיינט: פאַררעכטן, אָבער נישט קאַליע מאַכן בשעת דעם פאַררעכטן

**ד. והכלל,** ד׳ער כלל איז, אַז אַ חכם דאַרף טאָן אַלץ מיט גערעכטיקייט און פאָרזיכטיקייט, עס זאָל נישט זיין קיין ״יצא שכרו בהפסדו״ - חס ושלום דערלייגן וואָס ער האָט פאַרדינט; אָנווערן די מצוה פון תוכחה, דורך דער עבירה פון מבייש זיין יענעם. ווייל ווען ער וואָלט אים מוכיח געווען צווישן פיר אויגן - בצנעה - וואָלט ער אים געפאָלגט. אויב ער זעט אַז יענער זאָגט זיך אָפּ פון הערן זיינע רייד, דאַן איז גלייכער מיט יענעם נישט רעדן, און אויף דעם זאָגן די חכמים (יבמות דף ס״ה עמוד ב׳): ״כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע כָּךְ מִצְוָה שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע״ - פונקט ווי עס איז אַ מצוה צו זאָגן אַ זאַך וואָס ווערט געהערט, איז אַ מצוה נישט צו זאָגן דאָס וואָס עס ווערט נישט געהערט.

## אפילו ווען די ברענגטס נאָר דיין חבר צו איין מצוה, איז דיין שכר זייער גרויס

**ה. והכלל,** און דער כלל איז, אַז איינער זעט אין זיין חבר אַז עס

האָט זיך ביים איינגעוואָרצלט אַ זאַך וואָס פאָדערט זיך פאַרבעסערונג, איז אויב ער קען עפּעס טאָן וואָס מעגלעך אַז מיט די הילף פון השם יתברך וועט אים געלינגען אים אָפּנייגען פון זינד, דאַן איז ער צווישן די וואָס זענען מזכה דעם רבים, און אפילו דער וואָס ברענגט יענעם נאָר צו איין מצוה איז זיין באַלוינונג זייער גרויס.

## אַ דערציילונג אין זוהר וועגן מוכיח זיין

**ו. וראייה,** מיר זעען אין זוהר פּרשת תזריע (דף מ״ה עמוד ב׳): רבי חייא און רבי יוסי זענען געגאַנגען אין וועג און האָבן באַגעגנט אַ מענטש און זיין פּנים איז געווען פול מיט צרעת, האָט רבי חייא אים געפרעגט: ווער ביסטו? האָט דער מענטש געזאָגט: איך בין אַ איד! האָט רבי יוסי געזאָגט: דער איז זיכער אַ זינדיגער, ווייל אויב נישט וואָלט זיין פּנים נישט געווען פול מיט צרעת, ווייל אַזעלכע יסורים ווערן נישט אָנגערופן ״יסורים של אהבה״.

## דער וואָס שטראָפט זיין חבר פאַר ליבשאַפט טוט דאָס באַהאַלטענערהייט

**ז. אמר,** האָט רבי חייא געזאגט צו אים: דאָס איז זיכער אַזוי, ווייל ״יסורים של אהבה״ ווערן אָנגערופן נאָר דאַן ווען זיי זענען באַהאַלטן פון אַנדערע מענטשן. און פון וואַנען ווייסן מיר אַז אַזוי דאַרף זיין די שטראָף רייד פון אַ מענטש? לערנען מיר עס פון די שטראָף פון השם יתברך, ווייל דער וועלכער שטראָפט זיין חבר פאַר ליבשאַפט, דאַרף עס טאָן באַהאַלטענערהייט, ער זאָל נישט פאַרשעמט ווערן פאַר אַלעמען. איז דאָך די דאָזיקע אַנטפּלעקטע שטראָף, נישט פון ליבשאַפט. דאָס זעלבע טוט השם יתברך וואָרענען און שטראָפן דעם מענטשן פריער באַהאַלטענערהייט, אויב ער קערט זיך אום איז גוט און אויב נישט שטראָפט ער אים דאַן אַנטפּלעקטערהייט, אַלע זאָלן זען און וויסן אַז ער איז אַ זינדיגער און נישט באַליבט ביי השם יתברך.

## געוויס זענט איר פון דער חבריא פון ר׳ שמעון בר יוחאי, וואָס שרעקען זיך נאָר פאַר השם-יתברך

**ח. והאי,** און יענער מענטש האָט זיך צוגעהערט צו דאָזיגע רייד. האָט ער זיי געפרעגט: מיט די דאָזיגע רייד אייערע מיינט אירביידע קעגן מיר? יענער מענטש האָט זיך צו זיי דערנענטערט און געזאָגט: געוויס זענט איר פון די חברייא פון רבי שמעון בן יוחאי, וועלכע האָבן פאַר קיין זאַך נישט מורא. אויב איר וועט רעדן שלעכטס אויף מיר, וועלן די זעלבע רייד אייך שלעכטס טאָן, פאַר וואָס רעדט איר אַזוי עפנטלעך? (עס מיינט, דער מענטש האָט צו זיי געזאָגט: אויב מיין משפט וועט קומען פאַר השם יתברך - וועט ער זיך אפּרעכענען מיט אייך, ווייל איר האָט מיר פאַרשעמט עפענטלעך אַז איך בין אַ זינדיגער מאַן) האָבן זיי צו אים געזאָגט:

**אַזוי שטייט** אין דער תורה, (אין משלי א, כא): ״בְּרֹאשׁ הֹמִיּוֹת תִּקְרָא, בְּפִתְחֵי שְׁעָרִים בָּעִיר אֲמָרֶיהָ תֹאמֵר״, אויב אין דברי תורה שרעקן מיר זיך פאַר דיר, זענען מיר דאָך פאַרשעמט פאַר השם יתברך. האָט דער מענטש אָנגעהויבן און געזאָגט (מיכה ז, יח): ״מי אל כמוך, נושא עון ועובר על פשע וגו׳״ - ווער נאָך אַ גאָט ווי דו וואָס פאַרגיבט די זינד און פאַרקוקט אויף די שלעכטס, און האָט אויפגעהויבן און געוויינט.

## אַ צדיק וואָס איז נישט מוכיח די מענטשן וואָס זענען אַרום אים, ווערט ער אַליין באַשטראָפט

**ט. אדהכי,** דערווייל זענען געקומען זיינע קינדער. האָט דער יונגער קינד געזאָגט: פון הימל העלפט מען מיין פאָטער, עס שטייט (אין קהלת ז, טו): ״יֵשׁ צַדִּיק אֹבֵד בְּצִדְקוֹ וגו׳״ - פאַראַן אַ צדיק וואָס ווערט פאַרלוירן. פרעגט זיך די פראַגע, פאַרוואָס ווערט דער צדיק פאַרלוירן? איז דער ענטפער, ווען עס מערן זיך די זינדיגע מענטשן און זינדיגן זייער פיל, און איין צדיק איז פאַראַן צווישן זיי

וועלכער זאָגט זיי נישט קיין מוסר, ווערט דער צדיק באַשטראָפט צוליב זיי, כאָטש ער איז אַ צדיק און זינדיגט נישט. דאָס זעלבע איז מיט מיין פאָטער וואָס איז באַשטראָפט געוואָרן צוליב די זינד פון די מענטשן פון שטאָט וועלכע זענען געווען חצופים קעגן אים און ער האָט זיי נישט געזאָגט קיין מוסר, דעריבער איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט די דאָזיגע יסורים.

**י. אמר,** האָט יענער מענטש (דער טאַטע פון דעם יונגן קינד) געזאָגט: געוויס האָט השם יתברך מיר באַשטראָפט צוליב דעם, ווייל איך האָב געהאַט די מעגליכקייט זיי מוסר זאָגן און איך האָב עס נישט געטאָן, נישט באַהאַלטענערהייט און נישט אָפענערהייט. האָט דער צווייטער זון געזאָגט (תהלים לט, ג): ״נאלמתי דומיה החשיתי מטוב וכאבי נעכר״ - איך האָב געשוויגן, און זיי נישט געשטראָפט מיט גוטע רייד, און מיין ווייטאָג איז געקומען. איך האָב געזען דעם פאָלק ווי זיי גייען אין נישט גוטע וועגן און איך האָב געשוויגן, זיי נישט געזאָגט קיין מוסר און זיך אָפגעהאַלטן פון זאָגן זיי גוטע זאַכן, וועלכע קערן אָפּ דעם מענטשן פון שלעכטע צו די גוטע וועגן, דעריבער איז געקומען אויף מיר מיאוס׳ע יסורים אַז אַלע זאָלן קענען זען. זענען צוגעקומען רבי חייא און רבי יוסי און אים געקושט.

## זיך פאַרלאָזן אויף השם יתברך און זיך נישט שרעקן פאַר די רשעים

**יא. נלמד,** פון דעם לערנען מיר אָפּ אַז דער וועלכער שרעקט זיך פאַר מענטשן, דער וועט זיין פאַרשעמט פאַר השם יתברך, און כאָטש ער איז אַ צדיק ווערט ער געשטראָפט, ווי פריער דערמאָנט, דער גרונד פון לעבן איז, נישט צו באַפרידיגן דעם רשע, נאָר דער וואָס האָט די מעגליכקייט זאָל זיך שטעלן קעגן דעם רשע און אים אָפּשוואַכן מיט מוסר רייד, און אויב ער וועט זיך שרעקן פאַר אים זאָל ער וויסן אַז עס וועלן קומען אויף אים יסורים און ער וועט זיין פאַרשעמט פאַר דעם בית-דין פון השם יתברך. הויבט אויף אייערע

אויגן אין דער הויך און פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך, ווייל ער צעברעכט און צעשמעטערט די רשעים.

**יב. חזק,** שטאַרק און פעסט זיך קעגן דעם רשע אים צו מוכיח זיין, און געוויס וועט די גאַנצע פמליא של מעלה קומען דיר צו הילף. זאָלסט זיך שטאַרקן מיט אַלע דיינע אברים אים אָנצוואַרעמען מיט מוסר רייד, ער זאָל נישט אָפטאָן וואָס ער טראַכט צו טאָן, און אויב דו וועסט אַזוי טאָן דאַן ווערט גערעכנט די מוסר רייד קעגן דעם רשע פונקט ווי דיינע אברים וואָלטן געווען די אברים פון אַ קרבן עולה אויף דעם מזבח. אפילו אויב דו זעסט אַז דער רשע קען דיר גורם זיין אַ שאָדן פון געלט, זאָלסטו זיך נישט אָפּהאַלטן אים צו מוסר'ן מיט רייד, ווייל השם יתברך האָט פיל שלוחים. און אויב דו וועסט זיך אָפּהאַלטן צוליב דעם שאָדן פון געלט, וועסטו אָבער נישט געראַטעוועט ווערן פון אַ טאָפּלטן שטראָף וואָרום דו וועסט אַריינפאַלן ביים רשע אין די הענט. און אויב דו פאַרשטייסט אַז דו קענסט זיך נישט קריגן מיט דעם רשע ווייל אים גייט איצט גוט, זאָלסטו כאָטש אים נישט שטאַרקן און אַרויסהעלפן אין דער עבירה. אפילו אויב דו קענסט מעגלעך ליידן פיזיש חס ושלום, ווייזט אויס אַז מען טאָר נישט שטאַרקן די רשעים, נאָר אין פאַל ווען עס איז סכנת נפשות, מעג ער זיך אָפּטרייסלען פון אים, אָבער נישט העלפן יענעם אין דער עבירה.

## די מצוה פון מוסר זאָגן ליגט אויף די רבנים

**יג. והמצוה,** און די מצוה פון "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ" ליגט אויף די רבנים און די פירער פון יעדער שטאָט, און אין אַן אָרט וואו עס איז נישטאָ קיין אָנגעשטעלטער רב, אַ מורה-צדק און פרנסים, ליגט עס אויף יעדערן צו מוסר'ן דעם צווייטן, דאַן וועט ער זיין באַליבט אין הימל און נחמד אויף דער וועלט, און עס וועט אויסגעפירט ווערן (משלי ט, ח): "הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ" - שטראָף אַ חכם און ער וועט דיר דערפאַר ליב האָבן. און ער וועט זוכה זיין צו דעם טויער פון ליבשאַפט, אָמֵן.